UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Bay Mayn Zun Tsum Tsveytn Seyder / At My Son’s For the Second Seder

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/6n3419mc

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Tovah Smith-Cohen, Teybl Smit-Kohn /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

טייבל סמיט־קאָהן / סאַן האָסע

# ביי מיין זון צום צווייטן סדר

(אַ דערמאָנונג) געווידמעט מיין לערער א. גאָלאָמב

די יידישע שול מיט אַברהם גאָלאָמב אַלס לערער־דירעקטאָר איז פאַר מיר געווען ווי אַ היים, ווען איך האָב זיך דאָרט געלערנט. די אַטמאָספער איז געווען אַ וואַרעמע, אַ לעבעדיקע, אַן אינטימע. די לעקציעס — אינטערעסאַנט, מונטער און לעבעדיק, און די סביבה איז געווען פול מיט יידישקייט און מיט לערנען. מען האָט זיך אַזוי ווי אויסגעלעבט צווישן חברים־פריינט און זייערע גאַנצע משפחות.

מער פון אַלץ זיינען שיין און רייך געווען די פרייטיק־צו־נאַכטן און די יידישע ימים־טובים אין שול. אָבער דער ליבסטער יום־טוב פון אַלע איז ביי אונדז קינדער געווען פסח. די שול פלעגט ווערן אָנגעפילט מיט געזאַנג און דערוואַרטונג. די שיינקייט פונעם סדר איז דורך די יאָרן געבליבן ביי אונדז ווי אַ מוסטער ווי צו פראַווען דעם יום־טוב.

ס'איז פאַר מיר און מיין מאַן דערפאַר געווען אַ באַזונדערע פרייד ווען מיר האָבן מיט עטלעכע וואָכן פאַר פסח באַקומען פון אונדזער 19־יאָריקן זון אַן איינלאַדונג צום צווייטן סדר. ער האָט געוואָלט אונדז אָפּדאַנקען און אָפּצאָלן פאַר אַלע סדרים וואָס מיר האָבן געמאַכט בשעת ער האָט זיך געהאָדעוועט מיט אונדז איינגעלאַדן האָט ער אויך חברים אייגענע — תלמידים־פריינד פון דעם אוניווערסיטעט אין בוירקלי, קאַליפאָרניע. ער האָט באַזאָרגט און אַרויסגעשיקט געדרוקטע, עסטעטישע איינלאַדונגען צו אַלע געסט.

הגם מיר זיינען געווען זייער צופרידן מיט דער איינלאַדונג, האָבן מיר פון דעסטוועגן אויך אַ ביסל געצווייפלט. ווי אַזוי וועט ער קענען מאַכן אַ סדר אין זיין ענגער, אָנגעשטעלטער און צייטווייליקער דירה? די דירה זיינע איז אייגנטלעך איין צימער מיט אַ הויכע סטעליע, מיט אַ לייטער אַרויפצוקריכן אין אַ בוידעם־שטוב, און מיט אַ קיך די גרויס פון אַ שפּייזאַרניע.

אָבער אַז מ'ווערט איינגעלאַדן אויף אַזאַ יום־טוב ווי פסח, מיט אַזאַ עסטעטישער איינלאַדונג, און מיט אַזאַ חשק, ווי אַזוי זאָלן עלטערן ניט וועלן גיין? דערצו נאָך, ווען ערב פסח טעלעפאָנירט דער זון און פרעגט מיך וואָס פאַר אַ מאכל איך וועל ברענגען צו זיין סדר. פרעג איך אים: „וואָס פעלט דיר נאָך?" ענטפערט ער: „אַלצדינג!" נו, אַז מ'דאַרף שוין ברענגען זופּ און קניידלעך, הון, צימעס, קוגל מיטן קאָמפּאָט, טאָר מען שוין אַוודאי מער ניט צווייפלען...

אַלע מאכלים האָבן מיר אַריינגעשטעלט אין אויטאָ און געפאָרן קיין בוירקלי צום צווייטן סדר — אַ מהלך פון פופציק מייל. עס איז ניט געווען שווער צו דערקענען דעם זונס דירה.. זי איז מסתמא די איינציקע וואָס האָט בײם אַריינגאַנג, ביי דער זייט פון טיר — אַ מזוזה. די מזוזה איז

---

גרויסן בוים. איר האָט ליב אַוואָקאַדאָס. איך פּאַקעווע אַריין אויך פיל גרינע צווייגן פונעם בוים. פאַרוואָס? ווייל איר זייט אַמאָל אַריין צו מיר אין קלאַס, אין ווינטער, און אויפן פענצטער איז געשטאַנען אַ גלאָז מיט בלומען, און די בלומען האָבן גענומען וועלקן. אין איין בליק האָט איר מיר שטילערהייט אין אויער אַריינגעזאָגט: „זע נאָר, עס פּאַסט ניט פאַר אַ יונגער לערערקע צו האַלטן פאַרוועלקטע בלומען." איך האָב גלייך דערפילט אייער ליבע צו מענטשן און צו אַלץ וואָס איז פאַרפלאַנצט און וואַקסט!

צו אייער 90 יאָריקן יובל באַגריס איך מיין אומפאַרגעסלעכן לערער און פּרינציפּאַל. איך דאַנק אייך פאַר אייער טיפן גלויבן אין מיר.

„און שטאָלץ און זיכער אונדזער טראָט.
מיר קומען אָן פון דאָרף און שטאָט.
מיט הונגער פייערן אין בליק,
מיט הערצער אויסגעבענקט נאָך גליק.
מיר קומען אָן! מיר קומען אָן!"

אַ קינסטלערישע, געבראַכט לעצטן זומער פון ישראל. אויף דער טיר הענגט אויך, לכבוד יום־טוב, אַ גרויסער אויפשריפט: „חג שמח !"

אַריינקומענדיק אין דער דירה האָבן מיר פשוט ניט געקענט גלייבן די אייגענע אויגן. עס זיינען געשטאַנען פון איין עק צימער ביזן צווייטן אַ לאַנגע רייע טישן, צוזאַמענגעשטעלט ווי איין לאַנגער טיש, געדעקט מיט ווייסע טישטעכער, שיין גע־גרייט מיט פרישע בלומען, מיט זילבערנע לייכטער, מיט כוסות, מיט ווין, מיט מצות און מיט הגדות פאַר אַלעמען. ביי איין עק טיש איז געשטאַנען אַ שטול מיט צוויי ווייסע קישנס — דער הסב־בעט. אַרום און אַרום איז אַלץ געווען אין אָרדענונג. צונויפגעשטעלט, אָפּגערוקט, אויפגעראַמט.

ווי נאָר מ'עפנט דאָ די טיר קען מען תיכף דערזען אַז דאָ וווינען יידן. די ווענט זיינען אומעטום באַפּוצט מיט קאָלירפולע פּלאַקאַטן פון ישראל, מיט אינטערעסאַנ־טע בילדער פון ידישער קינסטלער, מיט העברעישע אויפשריפטן און ציטאַטן, מיט יידישע שפּריכווערטער, און מיט אַ גרוי־סער מאַפּע פון ארץ־ישראל. אויבן, אויף דער שאַפּע אין קיך, שטייט אַ חנוכה־מנורה צום זייט פון טיש שטייט אַ ביכער שראַנק מיט דער יידישער ענציקלאָפּעדיע.

לכבוד פסח שפּילט מען איצט אויף דער סטעריאָ יידישע מוזיק. די שטימונג איז אַ יום־טובדיקע, אַ וואַרעמע און אַן איי־דעלע. עס פילט זיך שטאַרק דער יום־טוב. עס איז פסח !

געסט צום סדר זיינען געווען פערצן. חוץ טאַטע־מאַמע — עטלעכע יונגע לע־רערס מיט וועמען ער איז באַפריינדעט — מיטאַרבעטער אין די העברעישע קלאַסן ביים רעפאָרם טעמפּל. אויך אייניקע תלמידים־פריינד פון די אייגענע העברע־אישע קלאַסן אין תנ"ך ביים אוניווערסי־טעט; אַן עלטערער ברודער וואָס לערנט זיך אויף אַדוואָקאַט אין זעלביקן אוני־ווערסיטעט און דעם ברודערס אַ פאַר קאַלעגן־פריינד, וועלכע זיינען ניט גע־פאָרן אַהיים אויף פסח. אויך אַ פריינדינע מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט בשעת ער איז געווען אַ שטיק צייט אין אַ קיבוץ אין ישראל לעצטן זומער. אַלע זיינען גע־קומען אָנגעטאָן יום־טובדיק און שיין.

אַריינקומענדיק האָבן מיר דערזען ווי עס שטייט אין קיך די פריינדינע און ווי זי האַקט מיט אַ מעסער עפּל פאַר די „חרוסת". „באַלד וועט עס זיין פאַרטיק", זאָגט זי צו אַלעמען. קיין האַקמעסער, ריב־אייזן אָדער אַנדערע פּאַסיקע מכשירים זיינען ניטאָ זי גיט זיך אַן עצה, טאָמער אפילו עס וועט זיין חרוסת מיט גרויסע שטיקער עפּל, אַרט עס איר ניט. געקו־מען איז זי מיטאָג־צייט, געהאָלפן אויפ־ראַמען, אַראַנזשירן, גרייטן צום טיש; מיטגעבראַכט אויך טעלער, לייכטער, כוסות, געפעס און וואָס עס האָט נאָר געפעלט. זי האָט געאַרבעט שווער, גע־האָלפן מאַכן דעם סדר, פראַווען דעם יום־טוב פסח !

די שטימונג איז אַ פריילעכע, ווען אַלע זעצן זיך מיט גרויס דרך־ארץ צום טיש. אויבן־אָן זיצט דער יונגער זון. ער איז צופרידן און זיכער ביי זיך. ער האָט צו־געגרייט מיט אַ „זיראַקס"־מאַשין פאַר־שיידענע לידער און מאַטעריאַלן, וואָס ער וועט באַנוצן צוזאַמען מיט דער הגדה. ער וועט אַליין צום ערשטן מאָל אין לעבן פירן דעם סדר. אונדזער חלום איז מקוים געוואָרן. . .

ער הייבט אָן מיט אַ דערקלערונג, פאַר־וואָס ס'איז אין גאַנצן נייטיק דער צווייטער סדר. ער דערקלערט, אַז צום ערשטן סדר קומט מען פריש און דירעקט פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, פון טאָג־טעג־לעכע ענינים, פון די זאָרגן וועגן אַרבעט און געשעפט, פון דער וואָכעדיקער וועלט צום ערשטן סדר מוז מען זיך אָפּרייסן פון טאָג־טעגלעכקייט און וואָכעדיקייט, אָבער ס'איז ניט מעגלעך צו ווערן פון דעם מיט אַמאָל אין גאַנצן באַפרייט. מען קען ניט מיט איין מאָל פאַרלירן אין גאַנצן די וואָכעדיקייט באַלד ביים ערשטן סדר. — דערפאַר איז וויכטיק און נייטיק דער צווייטער. דעמאָלט קען מען שוין גייסטיק זיך צוגרייטן ווי געהעריק צום פסח און זיין באמת אַריינגעטאָן אין דעם יום־טוב, געניסן ווי עס דאַרף צו זיין.

פלוצלונג דערמאַנען זיך מיר די קלאַסן ביי מיין יידישן לערער, אברהם גאָלאָמב, מיט יאָרן צוריק. ער לערנט מיט אונדז